View in browser

קניידל
טעגליכע פארציע נייעס.

דינסטאג בהעלותך - י"ד סיון תשפ"ה | קניידל #421

EARLY BIRD SPECIAL
Family Package $1,225
Tour Brochure
היימיש Amish Wonders
אומפארגעסליכע וואקעישן אין הארץ פון די אמיש געגענט
Vacanzia
THE KOSHER WAY TO GET AWAY
877.VACANZIA | GoVacanzia.com | info@GoVacanzia.com

קניידל אבזערוואציעס

700 מארינען מאביליזירט אפצושלאגן ווילדע אנטי-אייס פראטעסטן אין לאס אנדזשעלעס

קאליפארניע - נעכטן מאנטאג האט לאס אנדזשעלעס געזען א פרישע טאג פון כאאס ווען די אנטי-אימיגראציע פראטעסטן האבן זיך בלויז פארערגערט, מיט צענדליגע לינקע פראטעסטירער וועלכע האבן וואנדאליזירט די גאסן, און האט טאקע געפאלגט מיט א באשלוס פון די רעגירונג צו מאביליזירן 700 מארינען צו העלפן אפשלאגן די פראטעסטן.

די שטאט'ס און קאליפארניע'ס האבן רעאגירט מיט א מאגערע רעאקציע, שיקנדיג ארום 300 מיטגלידער פון די קאליפארניע נאציאנאלע גארד צו עטליכע ערטער ארום לאס אנדזשעלעס.

פרעזידענט טראמפ האט טאקע געשיקט 2,000 נאציאנאלע גארד זעלנער צו לאס אנדזשעלעס איז געקומען אונטער שארפע קריטיק פון דער קאליפארניע גאווערנאר ניוסאם און אנדערע ערוועלטע באאמטע, וועלכע באשולדיגן אז די שריט איז אומלעגאל און טוט בלויז פארערגערן די "רוהיגע פראטעסטן".

טראמפ זאגט ער וואלט ארעסטירט קאליפארניע גאווערנאר ניוסאם



וואשינגטאן - טראמפ האט איבערגעדרוקט שטיצע פאר די ארעסט פון קאליפארניע גאווערנאר ניוסאם צוליב די פראטעסטן, זייענדיג ווערטער קומט נאך וואס דער גרעניץ צאר, טאם האמאן, האט געסטראשעט צו ארעסטירן יעדער וואס שטערט די אימיגראציע אינפארסירונג אין שטאט, אריינגערעכנט ניוסאם און דער לאס אנדזשעלעס מעיאר קארען באס.

ניוסאם האט רעאגירט אין אן עם-בי-סי אינטערוויו, זאגנדיג: "טאם, ארעסטיר מיך." טראמפ האט רעאגירט צו די ווערטער פון ניוסאם זאגנדיג פאר רעפארטערס: "איך וואלט עס געטון אויב איך וואלט געווען טאם. איך טראכט אז עס פאסט. געווין גלייכט פובליציטעט אבער איך קלער אז דאס וואלט געווען גרויסארטיג."

אמעריקאנער און כינעזער באאמטע זיך געטראפן אין לאנדאן פאר וויכטיגע האנדל געשפרעכן



ענגלאנד - אמעריקאנער און כינעזער באאמטע האבן זיך געטראפן אין לאנדאן נעכטן מאנטאג פאר געשפרעכן איבער די האנדל געשלעגן וואס האט זיך פארברייטערט פון טאריפס ביז באגרענצונגען איבער זעלטענע ערד-מעטאלן.

דער ווייסן הויז עקאנאמישער ראטגעבער קעווין העסעט האט געזאגט אז די אמעריקאנער דעלעגאציע האט געארבעט אויף אן אפמאך איבער די זעלטענע ערד-מעטאלן, נישט לאנג נאך וואס דער אמעריקאנער פרעזידענט טראמפ האט געזאגט אז דער כינעזער פרעזידענט דזשינפינג האט מסכים געווען צו ווידער-אנהייבן ליפערונגען אין א רוף וואס די צוויי פירער האבן אפגעהאלטן לעצטע וואך.

קאסטומס דאטע ווייזט אז כינע'ס עקספארטן צו אמעריקא זענען געפאלן מיט 34.5% יאר-אויף-יאר אין מאי, דער שארפסטע פאל זינט פעברואר 2020, ווען די קאוויד-19 פאנדעמיע האט צושטערט גלאבאלע האנדל.

רוסלאנד און אוקראינע טוישן אויס יונגע קריגס-געפאנגענע



אוקראינע - רוסלאנד און אוקראינע האבן נעכטן אויסגעטוישט קריגס-געפאנגענע אונטער די עלטער פון 25 יאר, דער ערשטער שריט אין א סעריע פון געפלאנטע אויסטוישן וואס איז ערווארטעט צו זיין די גרעסטע זינט די אנהייב פון די קריג.

די אויסטויש, וואס איז געמאלדן געווארן דורך ביידע זייטן, איז געווען דער רעזולטאט פון דירעקטע געשפרעכן צווישן ביידע זייטן אין איסטאנבול ווען ביידע זייטן האבן איינגעשטימט צו אויסטוישן כאטש 1,200 קריגס-געפאנגענע יעדע זייט און צו אויסטוישן טויטע קערפער פון אומגעקומענע זעלנער.

רעגירונג באאמטע פון אוקראינע האבן געמאלדן אז עטליכע פון די אוקראינישער געפאנגענע וועלכע זענען אינגאנץ באפרייט געווארן זענען געווען אונטער רוסישער געפענגעניש זינט די אנהייב פון די קריג.

קליקט דא זיך איינצושרייבן דורך WhatsApp

קניידל ביסן

ענגלאנד - אין א רעדע אין לאנדאן נעכטן מאנטאג האט דער נאטא סעקרעטאר גענעראל מארק רוטע געזאגט אז די מיליטערישע אליאנץ דארף א 400% פארגרעסערונג אין לופט און ראקעטן פארטיידיגונג, און ווען ער האט זיך איינגעשטעלט פאר די פראגראם ביי א סאמיט פון אליאנץ מיטגלידער וואס וועט פארקומען אין האלאנד שפעטער דעם חודש.

ראסלאנד - דער רוסישער פרעזידענט פוטין האט באשטעטיגט א נייע פלאן פאר די לאנד'ס ים פלאטע וואס צילט צו פארשטערקערן רוסלאנד'ס פאזיציע אלס איינס פון די וועלט'ס מאכטפולסטע ים כוחות, לויט א מעלדונג דורך דער קרעמלין געהילף ניקאלי פאטרושעוו. רוסלאנד פארמאגט די וועלט'ס דריט שטערקסטע ים פלאטע נאך אמעריקא און כינע, טראץ וואס זי האט געליטן א סעריע פארלוסטן אין די אוקראינע קריג.

דרום קארעא - דער ניי-גערוועלטע פירער פון דרום קארעא, לי דזשיי מיונג, און דער יאפאנעזער פרעמיער מיניסטער שיגערו אישיבא האבן אפגעהאלטן א טעלעפאנישע געשפרעך, אין וועלכע די האבן איינגעשטימט צו פארשטערקערן די באציאונגען צווישן די צוויי לענדער. די געשפרעך קומט נאך עטליכע רוף דורך די צוויי פירער פאר געמיינזאמע זיכערהייט קאאפעראציע צו אפשלאגן די צפון קארעא געפאר.

יאפאן - עטליכע יאפאנעזער זעלנער זענען פארוואונדעט געווארן אין א אויפרייס נעכטן מאנטאג אין דער אמעריקאנער מיליטערישע לופט באזע אין אקינאווא, דרום יאפאן, לויט א מעלדונג דורך די יאפאנעזער פארטיידיגונג מיניסטעריום. קיין איינס פון די פארוואונדעטע געפונען זיך נישט אין א קריטישע צושטאנד.



רוסלאנד - רוסלאנד און צפון קארעא פלאנירן צו ווידער אנהייבן דירעקטע פאסאזשירן באן סערוויס צווישן מאסקווא און דער צפון קארעא הויפטשטאט פיאנגיאנג דעם יוני 17 צום ערשטן מאל זינט 2020 ווען עס איז אפגעשטעלט געווארן צוליב די קאוויד-19 פאנדעמיע, לויט א מעלדונג דורך די רוסישער רעגירונג-געפירטע באן סערוויס.

אמעריקא - די דעמאקראטישע נאציאנאלע קאמיטע וועט אנהייבן א טעגליכע שאו אויף יו-טוב, גערופן "טעגליכע בלופרינט," צו פארשפרייטן די דעמאקראטישע קאמף קעגן פרעזידענט טראמפ. די שאו פאלגט נאך דעם 2024 פרעזידענטליכע פארמעסט ווען טראמפ און זיינע פארבינדעטע האבן אפגעהאלטן אינטערוויוס מיט פאפולערע פאדקעסטערס און אינפלואנסערס מיט סאציאלע מידיע פערזענליכקייטן, א שריט וואס האט געצייגט גאר גינסטיגע רעזולטאטן.

אמעריקא - טערי מאראן, א באקאנטער קארעספאנדענט פון עי-בי-סי נייעס איז סוספענדירט געווארן פון די נעטווארק נאך וואס ער האט באצייכנט דער הויפט טראמפ געהילף סטעפאן מילער אלס א רייכע פערזאן וואס גלייבט האס. א ווארטזאגער פאר עי-בי-סי זאגט אז די ווערטער פון מאראן שפיגלען נישט אפ די מיינונגען פון עי-בי-סי נאר פארלעצט די פירמעס סטאנדארטן.

פינאנציעלע קניידל

כינע'ס עקספארטן צו די פאראייניגטע שטאטן איז געפאלן מיט 34% אין חודש מאי

כינע'ס עקספארטן פון סחורה צו די פאראייניגטע שטאטן איז געפאלן אין חודש מאי מיט 34% פון פאריאר, די שארפסטע טראפ זינט פעברואר 2020 ווען די קאוויד פאנדעמיע האט איבערגעקערט גלאבאלע האנדל.

אין די זעלבע צייט זענען אימפארטן פון די פאראייניגטע שטאטן אריין קיין כינע געפאלן מיט איבער 18%.

רעכענענדיג כינע'ס טאטאלע עקספארטן צו אלע לענדער זענען די לאנד'ס עקספארטן געשטיגן מיט 4.8% פון פאריאר, און אימפארטן זענען געפאלן מיט 3.4%, אנטקעגן וואס ערווארטעט.

אמאזאן האט געמאלדן אז זי פלאנירט צו אינוועסטירן $20 ביליאן צו אויפבויען צוויי נייע דאטא צענטער פאסיליטעס אין פענסילוועניע, אריינגערעכנט אין וועלכע וועט צען ציען איר מאסיווע הונגער פאר עלעקטריציטעט גלייך ארויס פון א דערנעבנדיגע נוקלעארע רעאקטאר.

א פרישע באריכט פון די ניו יארק פעדעראלער רעזערוו באנק צייגט אז אמעריקאנער איינקויפער האבן זיך עטוואס בארוהיגט און שרעקן זיך מער נישט אזוי שטארק איבער אינפלאציע. מאכנדיג א אויספרעג טויזנטער איינקויפער צייגט די שטודיע אז די ערווארטעטע אינפלאציע וועט שטייגן מיט בלויז 3.2% איבער די קומענדיגע יאר, אנטקעגן 3.6% וואס זיי האבן ערווארטעט א חודש צוריק.

CASH BOOST
INCREASE YOUR BUSINESS CASH FLOW WITH PRECISE LOANS AND LINES OF CREDIT
OUR IN-HOUSE CPA'S AND CREDIT PROFESSIONALS WILL ENSURE THAT YOUR APPLICATION IS APPROVED AND THAT YOU RECEIVE MAXIMUM FUNDS.
Levy Leifer
Business Funding Specialist
FUNDI Business Loans - Lines Of Credit
347.455.8536
Levy@fundipros.com

געזונטע קניידל

עף-די-עי באשטעטיגט מערק'ס אר-עס-ווי באהאנדלונג



די עף-די-עי האט באשטעטיגט צום באנוץ א נייע באהאנדלונג פון מערק גערופן 'קלעסראוויא' צו באשיצן קינדער ביז איין יאר אלט פון אר-עס-ווי. די מעדיצין וועט קאסטן $556 פער דאזע.

ביז אצינד האט אמעריקא געזעהן א באגרענעצטע צושטעל פון אר-עס-ווי באהאנדלונג פאר קליינע קינדער פאראייניגט בלויז דורך סאנאפי און אסטראזענעקא, און די באהאנדלונג פון מערק איז ערווארטעט צו שטארק פארבעסערן די מאנגל.

געזונטהייט סעקרעטערי קענעדי ערזעצט 17 מיטגלידער פון סי-די-סי וואקסין קאמיטע



דער געזונטהייט און מענטשליכע סערוויסעס סעקרעטער ראבערט עף. קענעדי האט ערזעצט אלע 17 מיטגלידער פון א סי-די-סי קאמיטע פון וואקסין עקספערטן וועלכע זענען געשטעלט געווארן אויף די פאזיציע דורך דער געוועזענע פרעזידענט ביידען, לויט א מעלדונג דורך זיין דעפארטמענט.

"היינט שטעלן מיר א פריאריטעט צו צוריקשטעלן פובליק צוטרוי העכער יעדע ספעציפישע פראָ- אדער אנטי-וואקסין אגענדע," האט קענעדי געזאגט. "די פובליק מוז וויסן אז אומפארטייאישע וויסנשאפט און א פראצעס אפגעהיטן פון אינטערעסן וועט באגלייטן רעקאמענדאציעס פאר אונזערע געזונטהייט אגענטורן."

כ'וויל אים שוין זאגן צוויי יאר
אבער ער בלייבט מיין שכן פאר די קומענדיגע יאר.
לאמיר טאן איינשליסן
מסכים
845.751.9921

לאקאלע קניידל

צענדליגע ארעסטירט ביי פראטעסט אין לאבי פון טראמפ טורעם

ניו יארק סיטי - צענדליגע פראטעסטירער זענען ארעסטירט געווארן נעכטן מאנטאג ביים טראמפ טורעם אין מידטאון, מאנהעטן ווען זיי האבן אנגעפירט א פראטעסט קעגן פרעזידענט טראמפ'ס שטרענגע אימיגראציע אינפארסירונגען און איבער די רייזע פארבאט וואס איז אריין אין קראפט, פארמיידנדיג בירגער פון 12 לענדער אריינצוקומען אין אמעריקא.

די סיטי פאליצײ דעפארטמענט האט באשטעטיגט אז די פראטעסטירער האבן באקומען אומצאליגע באפעלן צו אוועקגיין פון די לאבי אין די טראמפ טורעם, אבער האבן זיך אנטזאגט, פירנדיג פאליציי צו אדורכפירן מאסן ארעסטן.

ניו יארק סיטי באאמטע אפגעהאלטן זיצונג מיט טראמפ אין ניו דזשערזי

ניו יארק סיטי - דעם זונטאג האבן א צאל הויכראנגיקע ניו יארק סיטי באאמטע געמאלדן אויף סאציאלע מידיע אז זיי האבן זיך געטראפן פאר א זיצונג מיט פרעזידענט טראמפ אין זיין גאלף קלאב אין בעדמינסטער, ניו דזשערזי.

צווישן די באטייליגטע האט זיך געצייכנט דער דעפוטי מעיאר פאר פובליק זיכערהייט קעז דאורי און דער טשיף פון די סיטי פאליצײ דעפארטמענט דזשאן טשעל.

קוועלער זאגן אז ביים זיצונג איז דיסקוטירט געווארן די נאציאנאלע גארד וועט נישט אריינקומען אין די סיטי אין פאל פון דעמאנסטראציעס.

אידישע קניידל

פלעטבוש אידישע קאמיוניטי קאאליציע אינדארסירט קאומא אין מעיאר פארמעסט



די פלעטבוש אידישע קאמיוניטי קאאליציע (עף-דזשי-סי-סי) האט אינדארסירט דער געוועזענער ניו יארק גאווערנאר קאומא אין די דעמאקראטישע פריימערי פארמעסט פאר די ניו יארק סיטי מעיאר אמט, געבנדיג פרישע מאמענטום פאר די קאמפיין פון קאומא וואס האט שוין באקומען אינדארסירונגען פון דער ספרדישער קאמיוניטי פעדעראציע, פאר ראקוועי אידישע אליאנץ און ק"ק באבוב.

"איך בין באמת באערט צו באקומען די שטיצע פון דער פלעטבוש אידישע קאמיוניטי קאאליציע, און איך וויל מיר באדאנקן פאר איר פארטרויען דזשאש מעהלמאן," האט קאומא געזאגט.

באקאנטע טעלעוויזיע פערזענליכקייט ד"ר פיל באזוכט בארא פארק

דער באקאנטע ד"ר פיל מאגרו, איינס פון די מערסט באריהמטע אמעריקאנער טעלעוויזיע פערזענליכקייטן, באקאנט מיט זיין שאו "ד"ר פיל", האט נעכטן אפגעשטאטן א באזוך אין בארא פארק, וואו ער האט זיך געטראפן מיט מיטגלידער פון די היימישע קהילה און באזוכט אין לאקאלע געשעפטן.

צווישן אנדערע האט ער באזוכט ביים בארא פארק הצלה גאראדזש און דעם קאווע און בעקעריי אויף 13טע עוועניו, וואו ער איז טראקטירט געווארן מיט פארשידענע געבעקס, און האט איינגעדרוקט שטארקע איבערראשונג פאר די היימישע "באבקע."

וואו צו קויפן ווייס איך. די שאלה איז וואס?
MALBISH

חרדישע קניידל

מאסיווע הרחבת גבולי הקדושה אין ק"ק באבוב

אינערהאלב קהלות ומוסדות באבוב ווערן געמאכט פארשידענע פארשריט להרחיב גבולי הקדושה. צווישן אנדערע איז אין די יעצטיגע טעג געשלאסן געווארן די מקח אפצוקויפן צוויי גרויסע בנינים אין שטאט לינדען פאר בנייני המוסדות. אזוי אויך איז סטענט איינלעדט האט די הנהלת הישיבה אפגעקויפט צוויי גרויסע בנינים לטובת די תלמידי ישיבה 'כרם שלמה' ד'באבוב.

אין די זעלבע צייט ווערן געמאכט העפטיגע בוי ארבעט אין ביהמ"ד הגדול באבוב אין בארא פארק, ווי די מקוה ווערט פארדאפלט להרחבת הציבור. אויך אין 'מחנה שלה' אין די קעטסקילס, האט די הנהלה אפגעקויפט א ריזן שטח, וועלכע וועט איבערבויען דעם קעמפ צו דאפלט פון וואס עס איז איצט.

האדמו"ר מקרעטשניף סיגוט וועט פראוועגן שבת אין לעיקוואוד



כ"ק אדמו"ר מקרעטשניף סיגוט שליט"א וועט אי"ה אנקומען צוגאסט קיין ניו יארק דעם קומענדיגן וואך פרשת שלח לרגל די חתונה פון אן אייניקל וואס קומט פאר אין שטאט מאנסי. שבת שלח וועט דער רבי פראוועגן אויף א גרויסע פארבענג אין שטאט לעיקוואוד.

האדמו"ר מסקאליע וועט פראוועגן דעם שבת אין מאנסי

כ"ק אדמו"ר מסקאליע שליט"א וועט זיין צוגאסט אויף דעם שבת פרשת בהעלותך אין די עירמאנס געגענט אין מאנסי, לרגל די שבע ברכות פון אן אייניקל. די תפלות און טיש וועלן פארקומען אין ביהמ"ד אוסטראה בנשיאות בנו הגה"צ ר' יעקב לייב גאלדשטיין שליט"א אב"ד אוסטראה.

שמחת **החתונה** פון **החתן בן הגה"צ אב"ד תולדות אהרן מאנסי** שליט"א בן כ"ק אדמו"ר מתולדות אהרן שליט"א ותחן כ"ק אדמו"ר מקרעטשניף סיגוט שליט"א, מיט **הכלה אייניקל פון כ"ק אדמו"ר מפרעמישלאן** שליט"א - אין ביהמ"ד הגדול תולדות אהרן אין ירושלים.

שמחת **החתונה** פון אן **אייניקל ביי כ"ק אדמו"ר מסקאליע** שליט"א, הכלה בת לבנו הגדול הגה"צ רבי יעקב לייב גאלדשטיין שליט"א אב"ד אוסטראה חתן כ"ק אדמו"ר מסטאניסלאוו זצ"ל, מיט **החתן בן הגה"צ אב"ד פלאנטש** שליט"א - אין זאל וואלי טערעס אין מאנסי.

שמחת **החתונה** פון **הכלה בת כ"ק אדמו"ר מצאנז זוועהיל** שליט"א, מיט **החתן אייניקל פון כ"ק גאב"ד ליזד** זצ"ל - אין זאל בית אסתר אין יוניאן סיטי.

שמחת **החתן מאל** פון **החתן אייניקל ביי כ"ק האדמו"ם מסקווירא און וויזניץ מאנסי** שליט"א, מיט **הכלה בת כ"ק אדמו"ר מקאסאן לאנדאן** שליט"א - אין ביהמ"ד הגדול אין שיכון סקווירא.


SHABBOS IN ISRAEL
Luxy margaretten / 347 424 2926
MEET YOUR PERSONAL CHEF IN ISRAEL. I OFFER FRESH HOMEMADE SHABBOS MEALS DELIVERED TO YOU DURING YOUR STAY. LET ME BRING THE WARMTH AND FLAVORS TO YOUR SHABBOS TABLE!
Luxy Margaretten

שידוכים קניידל

החתן **שלמה יצחק** נ"י בן מו"ה **יושע פנחס געלדער** הי"ו (ב"פ)
עב"ג בת מו"ה **משה יצחק בערג** הי"ו (וומס"ב)
שדכן מו"ה **לייבל איינהארן** הי"ו (וומס"ב)

החתן **יצחק ישראל** נ"י בן מו"ה **שניאור זלמן גראס** הי"ו (וומס"ב)
עב"ג בת מו"ה **אברהם יצחק לעווי** הי"ו (וומס"ב)
שדכן מו"ה **בערל גאלדהירש** הי"ו (וומס"ב)
ומו"ה **יעקב שטיינמעטץ** הי"ו (וומס"ב)

החתן **מנחם מענדל** נ"י בן מו"ה **שלמה שווארץ** הי"ו (ב"פ)
עב"ג בת מו"ה **שבתי שלעזינגער** הי"ו (ב"פ)
שדכן **אשת** מו"ה **אברהם רייכמאן** הי"ו (ב"פ)

צו באקומען טעגליך - דרוקט דא

מיר וואלטן צו הערן אייער קאמענטארן
וואזוי מיר קענען אייך בעסער סערווירן דעם פארציע.
ביטע לאזט הערן אייער מיינונג דא